# נקדישך

פ' פקודי-החודש תשפ"ה

גליון שפ"ו


מרומם זיין
עבודת התפלה
וקדושת ביהמ"ד
מיט די "הייליגע
קבלה" נישט
צו רעדן ביים
דאווענען

## הוא מושיענו

סיפורי ישועה מכלי ראשון בזכות הקבלה בקדושת התפלה

לֹא אָמוּת כִּי אֶחְיֶה. וַאֲסַפֵּר מַעֲשֵׂי קָהּ!

# אַ דרשה אין דושינסקיא, אַ דרשה אין זידיטשוב, און איך ווער גערּאַטעוועט ממות לחיים!

### - א וואונדערליכע פּאַסירונג וועלכע איז דערציילט געווארן פארן מערכת דורכן בעל העובדא זעלבסט -

**דער** העלד פון אונזער געשיכטע, **ר' נחום**, איז אַן עלטערער איד וואס וואוינט אין בארא פארק, און איז אסאך עוסק בענין מורא מקדש; מעורר זיין אידן נישט צו רעדן ביים דאַווענען. דאס ליגט אים אין דיביינער זינט זיינע יונגע יארן, צוזעענדיג ביי זיין חשוב'ן פאטער ע"ה, ווי ער פלעגט כסדר זיך קאָכן אין קדושת ביהמ"ד, און נישט געקענט פאַרנעמען דעם חילול שם שמים ווען מען רעדט ח"ו ביים דאווענען.

ר' נחום זעצט פאָר אין זיין טאַטנ'ס דרך, און שוין יאָרן יאָרן - נאָכפאַר ס'איז געוואָרן 'אַ נאָרמאַלע זאַך...' - וואָס ער שטייט על המשמר, ביי יעדע געלעגנהייט, מעורר צו זיין אידישע קינדער איבער די הארבקייט פון נישט רעדן ביים דאַווענען.

### אַ נייער וועלט: 'קרן תוס' יו"ט עפּאָכע'

אגב, אַנטפּלעקט אונז טאַקע ר' נחום, אַז היינט, אין דער 'קרן תוספות יום טוב' עפּאָכע, איז ממש 'אַ נייער וועלט!' אַמאָליגע צייטן פלעגט מען ממש דאַרפן אַקערן אין האַרטע ערד. מ'פלעגט אים אויסלאַכן, נאָכשפּעטן, און זיך בייזערן ווען ער פלעגט מוחה זיין, אדער אַפּירהאלטן די וואס פלעגן רעדן בשעת התפילה. מענטשן האָבן פשוט נישט תופס געווען וואָס מען וויל פון זיי האָבן. שטעלט אייך פאָר: מ'האַלט אינמיטן אַ זאַפטיגן שמועס, און אַן עלטערער איד קומט 'שטערן', זאָל מען זיך נישט אויפבייזערן?...

זייט די אויפוואַכונג האָבן זיך אָנגעהויבן, די 'נקדישך' האָט אָנגעהויבן ערשיינען, ס'איז געוואָרן אַ 'נחלת הכלל', און נישט בלויז פון אַפּאָר אידן דאָ און דאָרט וואָס נעמען קדושת התפילה צום הארצן, איז ב"ה אריינגעקומען אַ מורא'דיגע שינוי לטובה. ס'איז דאָ אַ וואַרעמקייט, אַ פארשטענדעניש, ביים ציבור צו דעם ענין. מען רעספּעקטירט איינעם וואָס מאַכט שטיל. די הערצער זענען אָפן, און מ'איז גרייט צו הערן. "היינט דאַרף מען נאָר אַביסל מעורר זיין, און דער ציבור פאָלגט ב"ה", זאָגט ר' נחום מיט אַ קענטיגער צופרידנהייט.

### עד אמצא מקום לה': געטראָפן אַ פּאַסיג ביהמ"ד וואו 'מ'רעדט נישט...'

איין שטאַרקע דילעמא האָט ר' נחום געהאַט, און זיך כסדר דערמיט געמוטשעט: אַ פּאסיגן ביהמ"ד וואו צו דאווענען - אַ ריכטיגער בית אלקים וואו מ'רעדט נישט בשעת התפילה, און מ'האלט דאָס דאַווענען הייליג און טייער. ער האט עטליכע מאָל געטוישט בתי מדרשים, ביז ער איז איז אנגעקומען אל המנוחה ואל הנחלה, אין דעם זידיטשוב'ער ביהמ"ד אין בארא פארק, אַ באַשיידן ווינקל וואָס איז מיוסד געוואָרן טאַקע אויף דעם ענין פון 'נישט רעדן ביים דאווענען'.

ווי ר' נחום דערציילט, האָבן דאָ אַמאָל געדאַווענט העכער 70 מתפללים, אבער דער פריערדיגער רב האט לוחם געווען ממש מיטן גאַנצן פייער אויף דאס ענין פון רעדן, און האט געבעטן די אלע וואס קענען זיך נישט איינהאלטן פון רעדן זאלן איינפאַך פאַרלאָזן דאס ביהמ"ד. בתוכם איז אפילו געווען א גרויסער נגיד, פון די סאַמע גרעסטע תומכים להחזקת ביהמ"ד, אָבער אויך אים האט דער רב נישט פארשוינט,

המשך אויף עמוד ב'

## כַּדָּבָר הָאָמוּר

פנינים ומרגליות על הפרשה בעניני תפלה

### אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת

**'פקודי'** איז א לשון פון גאולה, ווי עס שטייט 'פקוד יפקוד'. זאגט די פסוק **אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן** - דאס זענען די תיקונים צו ברענגען א גאולה פאר די בתי מקדשות. **'מִשְׁכַּן הָעֵדֻת'** - 'עדות' איז די תוה"ק - די תיקון פארן חורבן בית ראשון וואס איז געקומען צוליב ביטול תורה, איז געווען ווען האט מען ווידער מקבל געווען די תורה מאהבה בזמן אחשורוש.

**אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל פִּי מֹשֶׁה** - די תיקון פארן גאולה העתידה וואס וועט זיין דורך משה רבינו, איז **עֲבֹדַת הַלְוִיִּם**, 'עבודה' איז 'תפילה', און **בְּיַד אִיתָמָר** איז בגימ' 'קו"ל תפל"ה', אזוי אויך איז **אל"ה פקוד"י המשכ"ן** בגימ' 'קול תפלה. דורך אונזערע תפלות בכוונה וועט קומען די גאולה, ווי עס שטייט אין מדרש אויפן פסוק 'פנה אל תפלת הערער וכו', תכתב זאת לדור אחרון'. (אמרי נועם)

## סוד שַׂרְפֵי קֹדֶשׁ

קדושת ביהמ"ד במשנתם של בעלי ההילולא

הרה"ק מהרי"י מסקווירא זי"ע
ב' ניסן תשכ"ח לפ"ק

### "אֶצְלִי אֵין מְשִׂיחִים בִּשְׁעַת הַתְּפִלָּה"

**הרה"ק מסקווירא זצ"ל בהסבר להפלא הגדול אחר האסון הגדולה שנשרפה הבית המדרש בשיכון סקווירא ביום ב' ניסן תשכ"ז, והאש לא שלטה כלל בחדר התפילה של הרבי זיע"א.**

(בפיקודיך אשיחה)

אין לקרותו בשעת התפלה וקריאת התורה

ונא להזהר על קדושת הגליון

# התפללתי ונושעתי

"יא צענטער צום מנין, א צענטער צום מנין!" שרייט א איד אויף דעם פערצנטן עוועניו אין בארא פארק.

ער דרייט זיך רעכטס און לינקס, אבער אין קול ואין עונה, עס גייען אדורך אידן, אבער יעדער מיט אן אנדערן תירוץ: "כ'האב שוין געדאווענט", אדער "איך גיי באלד דאווענען". ער ווערט אביסל אנגעצויגן, ווייל תיכף נאך מנחה דארף ער זיך ארויסלאזן צום עירפארט כאפן א פליגער.

דער זייגער רוקט זיך און ער זוכט א צענטער. א כולל יונגערמאן גייט אדורך, ער בעט זיך ביי אים: "קום אריין". יענער אנטשולדיגט זיך, אבער ער דארף יעצט אהיימגיין.

"טו מיר א טובה", בעט ער זיך, "קום אריין אויף צען מינוט".

"איך קען נישט יעצט, זייט מיר מוחל", און יענער הייבט אן גיין ווייטער.

דער איד רופט אים צוריק, ער נעמט ארויס זיין קאר שליסלעך און זאגט אים: "נאדיר, דא האסטו".

"וואס זאל איך טון מיט דעם?" פרעגט דער כולל יונגערמאן.

"איך געב דיר דאס במתנה!"

"וואס?!"

ער ווייזט אים זיין מיני-ווען וואס איז געפארקט קעגנאיבער. "אז דו קומסט אריין משלים זיין צו א מנין, באקומסטו מיין קאר במתנה!".

"דו מיינסט עס ערנסט אדער דו מאכסט ליצנות פון מיר?..."

"יא, איך מיין עס זייער ערנסט. איך דארף יעצט דאווענען מנחה, און אויב קומסטו אריין דאווענען, באקומסטו מיין קאר לעולם ועד!".

טייערע אידן, עס לייגט זיך נישט ממש אויפן שכל אז איינער זאל טאקע זיין גרייט אוועקצוגעבן א קאר פאר איין מנחה בציבור. און די מעשה האט לכאורה טאקע קיינמאל נישט פאסירט, אבער עפעס אביסל ענליך צו דעם איז יא געווען.

די גמרא אין מסכת ברכות (מז:) דערציילט, אז רבי אליעזר איז אמאל געקומען אין א בית הכנסת, און ער האט נישט געטראפן קיין מנין צו דאווענען בציבור, האט ער באפרייט זיין קנעכט, און אן עבד כנעני וואס ווערט באפרייט איז ווי א איד לכל דבר.

אן עבד כנעני איז אן אייביגער פארמעגן, און נישט נאר פאר זיך אליין, נאך אויך פאר זיינע קינדער, ס'איז בערך אזוי ניצבאר ווי א קאר... און רבי אליעזר האט אים באפרייט כדי צו קענען דאווענען 'איין תפילה' בציבור. און די גמרא זאגט נישט אז די מעשה איז געווען משלים צו זיין א מנין פאר ראש השנה ביי מוסף, אדער יום כיפור צו נעילה...

*

**ס'איז** באקאנט די ווערטער פון דער הייליגער מאור ושמש אויפן פסוק וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹקֵיכֶם. 'ועבדתם' איז א לשון רבים, עבודה שבלב איז דאך תפילה. זאגט דער הייליגער מאור ושמש, אויב 'וַעֲבַדְתֶּם' - מ'וועט דינען דעם אויבערשטן צוזאמען - מען וועט דאווענען בציבור, דעמאלס 'וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ' וועט מען געבענטשט ווערן מיט פרנסה בהרחבה.

מיר זעען אין חז"ל מורא'דיגע לשונות וועגן די מעלה פון תפילה בציבור. דער מדרש זאגט אז אויב דאווענט מען ביחידות, איז אמאל די טיר אפן און אמאל נישט, צוליב עבירות וואס מ'האט געטון אד"ג. אבער א 'תפילה בציבור' ווערט קיינמאל נישט צוריקגעשיקט ליידיג, ווייל דער זכות הרבים איז גאר גרויס!

די זעלבע שרייבט אויך דער רמב"ם: א תפילה וואס מ'דאווענט בציבור ווערט שטענדיג געהערט, ווייל חכמינו זאגן אונז אויפן פסוק 'הן א-ל כביר [פי' רבים] ולא ימאס', אז אין הקב"ה מואס בתפילתן של רבים.

דער 'משנה ברורה' ברענגט, אז **הגאון רבי חיים מוואלאזין זצוק"ל** שרייבט, אז פון ווען ער געדענקט נאר, האט ער אלעמאל געדאווענט בציבור. אמאל איז ער געווען אונטערוועגנס און ער האט נישט געהאט קיין מנין, האט ער געשיקט וועגענער צו א דערנעבנדיגע שטאט צו ברענגען א מנין, כדי ער זאל קענען דאווענען בציבור!

*

**די** פארגאנגענע וואך האט מען געשריבן בנוגע קומען אין צייט צום דאווענען, און זאגן קרבנות מיט ישוב הדעת. א איד פון מאנסי האט געלאזט א מעסעדזש: דא רעדט י. ג. איך האב געטון ב"ה א וויליאמסבורגער שידוך, דער שידוך איז נישט געגאנגען מיט 'מצא טוב' אדער אנדערע תקנות, ווען כ'האב אנגעהויבן טראכטן דער שאלה הידוע 'כסף מנלן?' האב איך מחליט געווען אז מ'וועט נעמען דער אור-אלטער סגולה פון חיזוק אין תפילה.

כ'האב אנגעהויבן קומען א האלבע שעה פאר 'הודו' כדי צו קענען זאגן ברכות השחר, די עקידה און קרבנות מיט ישוב הדעת. די פרשה פון קטורת האב איך געזאגט ווי איינער וואס ציילט מיליאנען.

ב"ה אז כ'האב געזען אפענע ישועות! די דירה איז אנגעקומען ממש דריי וואכן פאר די חתונה, אויף גאר א וואונדערליכער אופן, מ'האט געזען א מאווינג טראק ביי א דירה פון אן עלטערער איד, ממש נעבן דעם מחותן, און זיך נאכגעפרעגט און זוכה געווען אין דעם. מ'האט געדארפט אריינלייגן אין דער דירה אכציג טויזנט דאלער איבערצופרישן, פערציג טויזנט יעדע זייט... און איך בין אריינגעטאנצן דערין, און שלא כדרך הטבע האב איך חתונה געמאכט אן דארפן בארגן פון א מענטש א פעני.

איך בין נישט אין הימל, אבער בעיני בשר בין איך עס תולה אין דער אמירת קרבנות וקטורת כדבעי, התפללתי ונושעתי.

*

**דער** מציאות איז, אז מ'הייבט אן בזמן התחלת ברכות, קען מען זאגן קרבנות מיט ישוב הדעת, און מ'קען מקיים זיין מצות טלית ותפילין מיט כוונה, די פסוקי דזמרה דארף מען נישט יאגן, און אודאי ווען ס'קומט צו שמונה עשרה קען מען דאווענען מיטן ציבור, און אויך צוהערן חזרת הש"ץ. אבער אויב די גאנצע תפילה לויפט אויף אן אייגענעם סדר, איז עס גאנץ עפעס אנדערש. ס'קען זיין צוויי אידן וואס שטייען אין ביהמ"ד און דאווענען איינער נעבן צווייטן, מחוץ זעט מען נישט דער גרויסער חילוק צווישן זיי, אבער על פי אמת איז דא א חילוק פון הימל און ערד.

## הוא מושיענו

המשך פון עמוד א'

און ער איז געווען געצווינגען צו פארלאזן דאס ביהמ"ד.

לסופו של דבר האָט זיך דער מספר המתפללים טאַקע פאַרשמעלערט, אָבער דאָס דאַווענען האָט באַקומען אַ נייעם 'טעם עליון', מיט א געהויבנקייט, מיט אן ערנסטקייט. מ'דאַווענט אַלע תפילות מיט אַ ברען, און מען הערט נישט קיין פיפס מהחל התפילה ועד כלה, שאפנדיג ממש א קידוש ה' מידי שבוע בשבוע.

### אַ צונויפטרעף מיט ר' מאיר מיכאל שליט"א

על כל פנים, דערציילט אונז ר' נחום אַרום דעם אַ גאָר רירנדע געשיכטע, אייגנטליך אַ דאָפּלטע פּאַסירונג, וואָס צייגט אויפן כח נפלא פון דער הייליגער קבלה, און מיר וועלן טאַקע איבערגעבן דאָס וואָרט פאַר ר' נחום'ען דירעקט:

טוענדיג אין די פעולות למען החזקת ביהמ"ד די אַלע יאָרן, האָב איך אָנגעקניפּט אַ שטיקל קשר מיט **הרה"ג ר' מאיר מיכאל גרינוואלד שליט"א**, דער באַקאַנטער פלאַמעדיגער מגיד וועלכער איז מעורר בקדושת התפילה. ווען מיר טרעפן זיך, דערציילט ער מיר שטענדיג הפלא'דיגע מעשיות ווי אידן זענען געהאלפן געווארן נאכן זיך מקבל זיין די קבלה, פון וואָס איך האָב ווי פאַרשטענדליך אייביג אַ שטאַרקע הנאה און חיזוק.

המשך אויף עמוד ו'

# קדיש בעפאר כגונא

קבלת שבת

## ווער זאגט דעם קדיש?

**עס** זענען דא פארשידענע מנהגים בנוגע ווער עס זאגט דער קדיש צווישן קבלת שבת און מעריב פרייטאג צונאכטס. טייל פירן זיך אז דער קדיש איז א 'קדיש יתום', און אין אנדערע מקומות זאגט עס דער בעל תפילה.

דער קדיש ווערט שוין דערמאנט אין **שער הכוונות** (דרושי תוספות שבת, דרוש ג), וואו עס שטייט, אז בשעת דעם קדיש זאל מען אינזין האבן צו מקבל זיין 'תוספות שבת יותר מעולה'. דער **מהר"י סרוק** שרייבט אז מען דארף שטיין ביי דעם קדיש.

דער **מגן אברהם** פסק'נט אז עס איז א קדיש יתום, ווי ער שרייבט (סימן קלב סק"ב): **'וקדיש שאומרים בערב שבת אחר מזמור שיר ליום השבת הוא לאבלים, אם לא שהיארצייט הוא בחברה של קבלת שבת, והכל לפי המנהג'**. אין טעמי המנהגים שטייט, אז דער קדיש נאך קבלת שבת איז שייך פאר דער וואס האט יארצייט אום שבת, און נישט פאר דער וואס האט יארצייט ערב שבת.

אין די מנהגים פונעם **מנחת אלעזר ממונקאטש זי"ע** (דרכי חיים ושלום, סדר ליל שבת, אות שעו) ווערט געברענגט, אז דער מנהג איז געווען עס צו זאגן ווי א קדיש יתום, און דער הייליגער מנחת אלעזר פלעגט זאגן דעם קדיש ווען ער האט געהאט יארצייט נאך זיין טאטע און מאמע, און ער פלעגט זאגן קדיש סיי אויב דער יארצייט איז געפאלן שבת, און סיי אויב עס איז געפאלן ערב שבת.

ווי אויך האט ער גע'פסק'נט פאר איינעם וואס האט געענדיגט זאגן קדיש פרייטאג, אז ער זאל אויך זאגן די קדיש נאך מזמור שיר ליום השבת.

אבער אין אסאך חסידי'ישע הויפן האט מען זיך געפירט אז דער שליח ציבור זאגט דעם קדיש. אזוי איז דער מנהג זידיטשוב, קארלין און נאך.

נאכמער האבן זיך געפירט אנדערע צדיקים, אז זיי האבן אליין געזאגט דעם קדיש, כאטש זיי האבן נישט געדאווענט פארן עמוד. אזוי האט זיך געפירט **הרה"ק מאפטא זי"ע** (ילקוט אוהב ישראל, מנהגים).

אין ספר **אמרי קדוש** (עמוד פג) ווערט געברענגט, אז **הרה"ק רבי אורי מסטרעליסק זי"ע** פלעגן אליין זאגן דריי קדישים: דער קדיש פרייטאג צונאכטס נאך מזמור שיר ליום השבת; דער קדיש פון די ימי הספירה, און דער קדיש נאך קידוש לבנה. און ער האט מסביר געווען, אז די דאזיגע קדישים זענען 'עניינים כוללים', און ער האט אויסגעפירט, אז דאס וואס יתומים מיינען אז עס איז א קדיש יתום איז א טעות, ווייל עס האט נישט קיין שייכות דערצו.

*

## שיר בר יוחאי

**אין** געוויסע מקומות איז דער פיוט פון 'בר יוחאי' געווען א חלק פון קבלת שבת, בפרט איז דער מנהג עס צו זינגען אין מירון אויפן ציון הקדוש פונעם **תנא האלקי רבי שמעון בר יוחאי.**

אין סידור **זכרון ישראל** (סדר קבלת שבת, עמוד סה) ווערט געברענגט, אז אין ארץ ישראל פירן זיך די ספרדים עס צו זינגען יעדן ליל שבת קודש נאך קבלת שבת, און אין די שטעט צפת און מירון זינגט מען עס אויך ביי די אשכנזים אין אלע שולן יעדע פרייטאג צונאכטס, בעפאר כגונא.

איבער גאנץ ארץ ישראל האט מען עס בלויז געזונגען ליל שב"ק איידער ל"ג בעומר, בעפאר כגונא.

## דער קדיש פון זרובבל לעתיד לבוא

**הרה"ק רבי יהושע'לע מבעלזא זי"ע** האט דערציילט וואס זיין פאטער דער **שר שלום** מבעלזא זי"ע האט אים דערציילט:

ווינטער פון שנת תקפ"ז, איז דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע געווען אין שטאט ראווא. דער שר שלום האט געשיקט זיינע צוויי קינדער **הרה"ק רבי אלעזר** און **הרה"ק רבי זונדל** קיין ראווא, צו זיין אויף שבתביים ראפשיצער רב.

דער ראפשיצער רב האט זיי שטארק מכבד געווען, און האט זיי געזאגט: "איך האב געמיינט אז אויך ענקער טאטע וועט קומען צו מיר אויף שבת, ווייל איך וויל זיך שטארק טרעפן מיט אים". און ער האט צוגעלייגט: "אויב ווייס איך אז ער וועט קומען, וואלט איך געבליבן דא אויף נאך א שבת".

זונטאג אינדערפרי זענען דעם בעלזא רב'ס קינדער תיכף אהיימגעפארן, און דערציילט פארן שר שלום אלעס וואס איז געווען, און וואס דער ראפשיצער רב האט זיי געזאגט. האט דער שר שלום געזאגט אז ער וויל טאקע גיין אויף שבת.

דינסטאג האט זיך שוין דער שר שלום ארויסגעלאזט אויפן וועג פון בעלזא צום שטאט ראווא. וויבאלד ער איז געווען זייער אפגעשוואכט, האט מען זיך געדארפט אפשטעלן אין יעדן דערפל און שטעטל אויפן וועג כדי זיך אפצורוען. און אין יעדע פלאץ וואו דער בעלזא רב איז אנגעקומען, האבן זיך אנגעשלאסן אין דער נסיעה נאך און נאך אידן, ווייל זיי האבן געוואלט מיטהאלטן דעם געהויבענעם שבת פון די צוויי צדיקים.

ערב שבת קודש איז דער בעלזער רב אנגעקומען קיין ראווא, אין באגלייטונג פון דריי הונדערט מענטשן, וועלכע האבן זיך אנגעשלאסן אין זיין נסיעה.

צו מנחה פרייטאג צונאכטס האט דער ראפשיצער רב צוגעשיקט דעם בעלזא רב צום עמוד.

נאך מנחה איז דער ראפשיצער רב צוגעגאנגען צום שר שלום, און אים געזאגט: "נעמט אייך אייערע מענטשן און גייט דאווענען אין אן אנדערן בית המדרש, און איך וועל צוגיין דא צום עמוד צו קבלת שבת".

דער בעלזא רב האט זיך נישט וויסנדיג געמאכט, און זיך געמאכט ווי ער הערט נישט וואס ער זאגט. האט דער ראפשיצער רב נאכאמאל איבערגע'חזר'ט זיין בקשה א צווייטע מאל און א דריטע מאל, אבער דער בעלזא רב האט זיך די גאנצע צייט געמאכט נישט וויסנדיג, און איז דארט געבליבן.

אזויווי דער ראפשיצער רב האט געזען אז דער בעלזא רב גייט נישט ארויס, איז ער צוגעגאנגען צום עמוד, און אנגעהויבן קבלת שבת מיט א ברען כדרכו בקודש.

האט **הרה"ק ר' יהושע'לע** אויסגעפירט די מעשה: ווען מיין טאטע האט מיר עס איבערדערציילט האט ער מיר געזאגט: "מיין טייער קינד, ווייסטו פארוואס דער ראפשיצער רב האט נישט געוואלט אז איך זאל זיין אין ביהמ"ד בשעת ער דאווענט קבלת שבת?! איך וועל דיר מגלה זיין דער טעם: ווייל ער האט זיך געפירט צו זאגן דעם קדיש נאכן 'מזמור שיר ליום השבת', און דער קדיש איז אין דער בחינה, און האט די זעלבע כוונות, ווי דער קדיש וואס 'זרובבל בן שאלתיאל' וועט זאגן לעתיד לבוא, נאכדעם וואס דער באשעפער וועט לערנען תורה מיט אידן, ווי עס שטייט אין מדרש (מדרש תלפיות, אות א).

"דער ראפשיצער רב האט געוואוסט אז איך האב א גוטן מח און א שנעלע תפיסה, און איך וועל עס שנעל אויפכאפן, וועגן דעם האט ער געוואלט אז איך זאל פארלאזן דאס ביהמ"ד, כדי איך זאל נישט הערן דעם קדיש פון אים. אבער איך האב יא געגלוסט עס צו הערן, וועגן דעם האב איך מיר געמאכט ווי איך הער נישט, און איך האב בשום אופן נישט געוואלט איבערלאזן דעם ביהמ"ד, און ב"ה אז איך האב מקבל געווען די כוונות" (אהל נפתלי, אות לח - יי"ג אורות, ח"ב, עמוד קמה).

הרה"ג רבי **יעקב ווייס** שליט"א רב דביהמ"ד ישמח משה מאנסי

# רייכע משלים איבער אונזער כח התפילה

## מיר שרייען 'טאטע'!

**הרה"ק רבי ר' שמעלקא מניקלשבורג זי"ע** אין ספה"ק **דברי שמואל**, ברענגט צו וואס ער האט געהערט פון **הרה"ק רבי ר' אלימלך מליזענסק זי"ע**, איבער דעם קשר וואס געשעט צווישן דעם אויבערשטן און כלל ישראל דורך תפילה.

זאגט ער א משל: עס איז געווען א טאטע מיט א קינד וואס זענען געגאנגען אונטערוועגנס, און מ'האט געדארפט דורכגיין א לאנגע, שווערע וואלד. דער טאטע כאפט אן שטארק דאס קינד, אז ער זאל חלילה נישט פארבלאנדזשעט ווערן צווישן די דיקע ביימער.

אזוי שפאצירנדיג באמערקט דאס קינד, אז עס וואקסט דארט אויפדערזייט שיינע זיסע פירות. זאגט דאס קינד פארן טאטן: "טאטע, איך וויל זאלסט ווארטן אויף מיר אפאר מינוט; איך וויל צולויפן כאפן אביסל זיסע פירות און טועם זיין דערפון". זאגט דער טאטע: "ניין, מיר מוזן גיין ווייטער, מיר מוזן אנקומען, עס איז נישט דא קיין צייט".

אבער דאס קינד וויל דוקא די פירות וואס זעען אויס מתוק לחיך, זאגט ער פארן טאטן: "טאטע, לאמיר כאטש עפעס כאפן". דער טאטע זעט אז ער האט נישט קיין ברירה, אבער מצד שני מוז ער גיין ווייטער, ער קען זיך נישט אפשטעלן, זאגט ער פארן קינד: "גוט, גיי נעם, אבער איך בעט דיר ברחמים, פארליר זיך נישט פון מיר, ווער נישט פארבלאנדזשעט אינעם וואלד, איך גיי ווייטער, אבער הער אויס, יעדעס מאל וואס דו ווילסט זען אז דו ביסט נישט פארלוירן פון מיר, זאלסטו שרייען: 'טאטע!!!' און איך וועל דיר ענטפערן: 'יא מיין קינד! איך הער דיר!' דאן וועסטו וויסן אז דו ביסט נישט פארלוירן פון מיר, און מיר וועלן ווייטער ממשיך זיין אונזער וועג".

"אבער" - זאגט דער טאטע ווייטער - "אין די רגע וואס דו וועסט שרייען 'טאטע', און דו וועסט נישט הערן פון מיר קיין ענטפער, זאלסטו וויסן אז דו ביסט פארלוירן, און דו זאלסט שנעל לויפן מיר אויפזוכן און מיר טרעפן".

האט דער הייליגער רבי ר' אלימלך געזאגט: **בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם** - כלל ישראל זענען קינדער פונעם בורא כל עולמים. דער אויבערשטער שיקט אראפ א אידישע נשמה אויף דער וועלט, ער דארף דורכגיין א גרויסע וואלד, א גרויסע וועג, וואו מ'קען שטארק פארבלאנדזשעט ווערן. האט דער רבונו של עולם געזאגט פאר כלל ישראל: 'אֱלֹקִים קְרֹבִים אֵלָיו', דער באשעפער וויל זיין נאנט מיט כלל ישראל, מ'זאל נישט פארלוירן ווערן אינעם עולם הזה.

זאגט דער באשעפער: אידן, יעדעס מאל איר דארפט עפעס זאלט איר שרייען 'טאטע!' זייט מתפלל צום באשעפער אין הימל, און דער באשעפער זאגט צו א הבטחה אז ער וועט צוריק ענטפערן; 'כי אתה שומע תפלת כל פה', איך וועל הערן ווי איר שרייט, און איך וועל ענק ענטפערן. דאס וועט אנהאלטן אונזער קשר במשך די גאנצע צייט, ווילאנג א איד דארף דורכגיין די וועלט אנצוקומען לעולם שכולו טוב.

*

## א קשיא מיט א משל

**עס** איז דא א הערליכער משל פונעם **דובנא'ער מגיד**, מיט וואס ער האט אויסגעטייטשט די תפילה **'מי שענה לאברהם אבינו בהר המוריה הוא יעננו'**.

עס איז געווען אמאל א שטעטל וואס האט געהאט א גראסערי. האט זיך געמאכט אמאל אז דער גביר פון שטאט האט חתונה געמאכט א קינד. איז געגאנגען דער געשעפטסמאן און געקויפט א מתנה פארן חתן אין ווערד פון פופציג רובל. א וואך שפעטער האט דער ארעמאן פון שטאט חתונה געמאכט האט דער געשעפטסמאן געשיקט א מתנה אין ווערד פון צוויי רובל.

דער ארעמאן לויפט צום געשעפטסמאן מלא טענות: "דער עושר וואס האט אלעס גוטס; געלט שפילט נישט ביי אים קיין ראלע, שיקסטו א מתנה פון פופציג רובל, איך, וואס דו ווייסט דאך אז איך האב נישט קיין לחם לאכול, שיקסטו נאר א מתנה פון צוויי רובל?"

זאגט אים דער געשעפטסמאן: "פארוואס פארשטייסטו נישט? דער גביר קויפט איין ביי מיר ריזיגע קוואנטומען פון עסן און טרינקען, האלב פרנסה האב איך פון אים, אוודאי שיק איך אים אזא טייערע מתנה. אבער דו, וואס קויפסטו דען שוין דא? א שטיקל הערינג, א האלב פלעשל וואסער? וואס האב איך דען פון דיינע פאר פיאסטערס; פארוואס זאל איך דיר שיקן א טייערע מתנה?!"

מיט דעם משל פרעגט דער דובנא מגיד א קשיא: מיר בעטן 'מי שענה לאברהם אבינו בהר המוריה הוא יעננו'. וואספארא חוצפה איז דאס? אברהם אבינו איז געווען דער 'גביר פון שטאט'; דער באשעפער האט געהאט פון אים א פעטע הכנסה, מצוות ומעשים טובים, חסד, למעלה מהשגתינו, אוודאי אז ער האט מתפלל געווען האט דער באשעפער געענטפערט. אבער ווער זענען מיר שוין אז מיר זאלן אויך געענטפערט ווערן? מיט וואס קומען מיר צום בורא כל עולמים?!

*

## דער תירוץ מיט א משל

**דער** תירוץ דערויף איז א צווייטער משל:

עס איז געווען אמאל א גרויסער עם הארץ וואס האט געהאט א געלונגען קינד. ער האט אים געשיקט אין ישיבה אריין און ער איז געווארן אן עילוי, א גאון מופלא. האט זיך געמאכט אז דער ראש ישיבה איז נפטר געווארן. דער עולם האט זיך צאמגעזעצט און דן געווען: ווער גייט זיין דער ממלא מקום? און מען האט נישט געטראפן קיין בעסערן קאנדידאט ווי דער תלמיד חכם, דער זון פונעם גרויסן עם הארץ.

האבן דארט די מענטשן געזאגט: עס פאסט נישט צו נעמען אלס ראש ישיבה א זון פון אזא עם הארץ. נאר וואס דען? דער טאטע איז דאך א גביר, זאל ער איינצאלן פינף און צוואנציג טויזנט רובל, וועט מען פארקוקן אויף דעם בזיון. דער דארפסמאן האט נישט געטראכט קיין צוויי, ער האט געוואלט זען זיין זון אלס ראש ישיבה, ער האט איינגעצאלט, און מ'האט אים אויפגענומען.

עס זענען דורכגעגאנגען יארן, און דער ראש ישיבה האט געהאט א געלונגענעם קינד, אויך א גרויסער ת"ח, און ווען ער איז אוועק פון דער וועלט איז געווען א דבר פשוט אז זיין זון וועט זיין ממלא מקום. זענען געקומען געוויסע זקנים פון שטאט מיט א טענה: וויאזוי קען מען אויפנעמען דעם זון פון איין מינוט אויף דער צווייטער? ווען מ'האט געוואלט אויפנעמען זיין טאטע האט מען געדארפט איינצאלן פינף און צוואנציג טויזנט רובל! און איר ווילט אים אויפנעמען אן איינצאלן אפילו איין רובל?!

האבן די קלוגע מענטשן געענטפערט: איז עס דען א דמיון? דער טאטע זיינער איז

המשך אויף עמוד ז'

---

**אַדִּיר וְחָזָק** ציטוטים קצרים מספה"ק על עוצם כחה של תפלה

**אין הקב"ה מואס בשום תפילת עמו ישראל**

**ידוע** שכל אדם צריך להתחזק בלבו אמונה זאת, שבודאי אין הקב"ה מואס חס ושלום בשום תפילת עמו ישראל, אף שהקב"ה נקרא הגדול הגבור והנורא, אעפ"כ יקר בעיניו דיבורים של עמו ישראל, אפילו ממי שהוא ח"ו בדיוטא תחתונה, אעפ"כ מגיע מזה תענוג להבורא יתברך. (קדושת לוי, ויחי)

---

**וַיַּשְׁמִיעֵנוּ** ידיעות שונות ומטמוניות נפלאות בנושא של תפלה

**יש למשמש בתפילין כשאומר למען לא ניגע לריק**

**יש** למשמש בתפילין כשאומר למען לא ניגע לריק ולא נלד לבהלה, ומביא בשם האר"י ז"ל שהיה אחד שדנוהו אחרי פטירתו על שלא זכר בתפילין בשעת אמירת למען לא ניגע לריק. (ואני תפלה - מס' זכרון זאת מהרה"ק מלובלין, פקודי)

## א קוש אויפן שטערן

**דער יהודי הקדוש פון פרשיסחא** האט זיך אמאל אויף שבת אויפגעהאלטן אין די שטאט וואלשצובה-פוילן.

ערב שבת איז דער יהודי הקדוש אריין אין די ארטיגע שול, וואו ער האט געזען א קינד ליינט שיר השירים פאר זיין טאטע, מיט עפעס אן איבערגעווענליכע געשמאק און א זיסע ניגון, מיט א שטארקע נאנטקייט צום באשעפער.

דער יוד הקדוש האט זיך צוגעבויגן צום קינד פאר אפאר מינוט צו הערן וויאזוי ער זאגט, דערנאך האט ער געזאגט 'דאס קינד זאגט און זינגט שיר השירים אזוויי שלמה המלך האט דאס געזאגט'. ער איז צוגעגאנגען צום קינד און אים געגעבן א קוש אין זיין שטערן. נאך אסאך יארן איז דאס קינד באקאנט געווארן אלס דער צדיק דער **תפארת שלמה פון ראדאמסק**.

בשעת ער איז שוין געווען רבי, האט דער תפארת שלמה געזאגט: 'די קוש האב איך געשפירט ביז מיין בר מצוה, און איך האב געלייגט תפילין פונקט אויף דער פלאץ וואו ער האט מיר געגעבן דעם קוש, ערשט דאן האב איך פארשטאנען אז די קוש פון דער יהודי הקדוש איז געווען פונקט אזוי חשוב און הייליג לייגן תפילין.

*

## דער גרויסער בעל תפילה

**דער** הייליגער **תפארת שלמה** איז געווען באוואוסט אלס א בעל תפילה נפלא, און מיט זיין הייליגער כח הנגינה האט ער געשפאלטן הימלען, מעורר געווען אידישע הערצער, און אריינגעברענגט א הרהור תשובה אין יעדן איד. אסאך צדיקים פון זיין דור זענען געקומען מיטהאלטן זיין דאווענען, וואס איז געווען מיט א מורא'דיגע מתיקות.

ער האט געהאט א תפילה וואס ער האט מקבל געווען פון זיין גרויסן רבי'ן דער הייליגער **אור לשמים** זי"ע צו זאגן יעדן טאג, דאס איז די באקאנטע הייליגע תפילה פון: 'רבון העולמים ידעתי כי הנני בידך לבד כחומר ביד היוצר', און ער פלעגט זאגן אז די תפילה איז א סגולה פאר פרנסה וכל טוב.

זיין רבי דער אור לשמים האט זיך אמאל אויסגעדרוקט אויף אים, אז בשעת ער זינגט, ליגט דער שם הוי"ה אויף זיין צונג, און זיינע געזאנגען זענען ממש ווי די קול פון די כנפי הכרובים אין גן עדן.

*

## מרגיש געווען א פסול אינעם ניגון

**דער** תפארת שלמה פלעגט זאגן: 'אזוויוי מען דארף האבן א נייעם אתרוג יעדעס יאר, אזוי דארף מען אויך א נייעם ניגון יעדעס יאר אויף אין קצבה'.

# עבודת התפילה
## אצל הרה"ק מרן בעל תפארת שלמה
זיוועכי"א
כ"ט אדר תרכ"ו לפ"ק

ביים הייליגן תפארת שלמה איז געווען דער מנהג, אז דער **חזן הידוע ר' לייזער'קע פערלמוטער ז"ל** פלעגט קומען צום רבי'ן בעפאר ראש השנה, און ער פלעגט זינגען ניגונים וואס ער האט מחבר געווען לכבודו פונעם רבי'ן, און אויף יעדע ניגון האט דער תפארת שלמה געזאגט אויב עס איז ריכטיג אדער נישט.

איינמאל ווען דער חזן ר' לייזער'קע האט אנגעהויבן זינגען א ניגון, האט דער תפארת שלמה פארשטאפט זיין אויער, און געזאגט פארן חזן: "וואס גייט פאר מיט דעם ניגון? איך שפיר אויפן ניגון עפעס שלעכטס". דער חזן האט זיך געוואונדערט, וויבאלד אין זיינע אויגן איז דער ניגון געווען א גאר שיינע, אבער גלייך האט ער זיך דערמאנט, אז א חלק פונעם ניגון איז אים איינגעפאלן אינעם מרחץ, און דאס האט דער צדיק וקדוש גלייך מרגיש געווען.

*

## גאר א חשוב'ער 'כיבוד'

**אין** די עלטערע יארן איז דער תפארת שלמה געפארן צום הייליגן **צאנזער רב** זי"ע אויף יום טוב שבועות. עס איז געווען זייער אן אינטערעסאנטע געשעעניש, און האט געברענגט א שטארקער וואונדער ביי מענטשן, ווייל דער תפארת שלמה איז אליין געווען א גרויסער רבי, און ער איז אוועקגעפארן צו אן אנדערער רבי.

דער תפארת שלמה האט דעמאלס געזאגט, אז ער וויל שפירן א שטיקל טעם פון דעם וואס די אידן האבן געשפירט ביים בארג סיני, און דאס שפירט מען נאך אין צאנז ביים הייליגן דברי חיים.

יענעם יום טוב שבועות האט דער הייליגער צאנזער רב געבעטן דעם תפארת שלמה ער זאל דאווענען שחרית פארן עמוד, ווייל ער וויל הערן זיין זיסן קול. האט דער תפארת שלמה געענטפערט, אז ער פירט זיך נישט צו זאגן קיין יוצרות (ביי הויכע שמו"ע), און וויבאלד אין צאנז פירט מען זיך יא צו זאגן יוצרות, וויל ער נישט צוגיין צום עמוד. אבער דער צאנזער רב האט געזאגט, אז ער איז מוותר אויף זאגן יוצר, כדי דער תפארת שלמה זאל דאווענען פארן עמוד, און ער זאל זיך דערקוויקן דאס הארץ ביי 'אהבה רבה'.

די חסידים האבן דעמאלס געזען ווי דער צאנזער רב האט נישט אראפגענומען קיין אויג פונעם הייליגן תפארת שלמה די גאנצע צייט וואס ער האט געדאווענט פארן עמוד.

דער גאנצער עולם איז גאר שטארק באגייסטערט געווארן פון זיינע תפילות, איבערהויפט פון זיין זאגן די 'אקדמות'.

דעם צווייטן טאג יו"ט איז אן אנדערער צוגעגאנגען צום עמוד צו שחרית, און דערנאך האט דער צאנזער רב געזאגט הלל פארן עמוד, פון וואס דער תפארת שלמה איז מורא'דיג נתפעל געווארן. נאכן דאווענען האט זיך דער תפארת שלמה אנגערופן: 'אויב וואלט איך געוואוסט נעכטן וויאזוי דעם צאנזער רב'ס הלל טעט אויס, וואלט איך נישט צוגעגאנגען צום עמוד'.

שבת נאך שבועות, נאכדעם וואס דער צאנזער רב האט געענדיגט זיין טיש, איז ער געגאנגען באזוכן זיין געהויבענעם גאסט. דער תפארת שלמה האט נישט געוואוסט אז דער צאנזער רב ווערט קומען, האט מען נישט אנגעגרייטעט קיין 'כיבוד'. דער בעל אכסניא איז שוין געשלאפן, און די ליכט אין שטוב וואו די מאכלים זענען געווען זענען שוין געווען אויסגעברענט, האט מען נישט געהאט מיט וואס צו מכבד זיין דעם צאנזער רב.

האט דער צאנזער רב געבעטן דעם תפארת שלמה ער זאל זינגען לכבוד שבת. דער תפארת שלמה האט געזונגען 'מזמור שיר ליום השבת'. נאכדעם וואס דער תפארת שלמה האט געענדיגט זיין הערליכן ניגון, האט זיך דער צאנזער רב אנגערופן: "דאס איז געווען גאר א חשוב'ער 'כיבוד'..."

# מְשָׁרְתָיו שׁוֹאֲלִים

שו"ת בהלכות תפלה הנוגעים בכל יום

## זיך אויפשטעלן אינמיטן דאווענען

**שאלה: ווען מען האלט אינמיטן דאווענען, און מען זיצט צב"ש נאך יוצר אור, און אן עלטערער איד אדער דער טאטע גייען אדורך, צי דארף מען זיך אויפשטעלן?**

**תשובה**: סיי-וואו מען האלט ביים דאווענען, זאל מען זיך אויפשטעלן, אויסער אויב מען האלט אינמיטן די ערשטע פרשה פון קריאת שמע, וואס דאן זאל מען בלייבן זיצן.

אסאך פוסקים האלטן, אז ווען מען האלט אינמיטן דאווענען, אפילו ביי א פלאץ וואו מען מעג זיך אויפשטעלן, דארף מען זיך נישט אויפשטעלן מלוא קומתו, נאר עס איז גענוג אז מען הייבט זיך אונטער אביסל.

די שאלות ווערן געענטפערט דורך
הרה"ג ר' **נחום צבי מאיר ראזענפעלד** שליט"א
מו"ץ בשיכון סקווירא, ובעל הליכות החיים

איר קענט אנפרעגן א שאלה בעניני תפלה וקרה"ת דורכן רופן דעם קרן תוי"ט האטליין און דרוקן #2

המשך פון עמוד ב'

נישט לאנג צוריק איז מיר אויסגעקומען אַליין צו הערן און מיטהאַלטן אַזאַ מעשה ערשט-האַנטיג.

איך בין געווען אין ארץ ישראל אויף א באזוך. איין טאג באַגעגן איך 'פּונקט' דעם חשוב'ן מגיד רבי מאיר מיכאל שליט"א. מיר האָבן זיך באַגריסט און גערעדט צווישן זיך עטליכע מינוט. אַזוי האַלטנדיג אינמיטן אונזער געשפּרעך, קומט צו א איד צום מגיד, ער באגריסט אים און הייבט אָן פרעגן:

- זענט איר דער וואָס האָט געהאַלטן א דרשה אין דושינסקיא אין ירושלים מיט צוויי יאר צוריק?

- יאָ, דאָס בין איך. מיט וואָס קען איך אייך העלפן?

- איר ווייסט אז איר האט גערעדט די דרשה צו מיר?

- צו אייך?! עס זענען געזעסן דארט אפאר הונדערט אידן וואָס האָבן אויסגעהערט?!

- יא, אבער נאָכאַלץ האט איר גערעדט צו מיר. איך וועל אייך דערציילן די מעשה פּונקטליך.

## דער דאָקטער איז שאָקירט: זאָגט מיר נישט קיין ליגנט!

פארציילט דער איד דאָרט אַזוי:

עטליכע טאג בעפאר יענע דרשה, איז ער געווען איינאיינעם מיט זיין פרוי ביים דאקטער זיך אונטערצוזוכן, צוליב וואָס זי איז געווען זייער שוואַך. דארט האט אים דער פּראָפעסאָר איינגעמאָלדן אַ שרעקליכע, שוידערליכע בשורה: די 'לעבער' פון זיין אידענע איז אינפעסטירט מיט די ביטערע מחלה האיומה רח"ל!

אָבער דאָס איז נאָכנישט געווען דאָס אַרגסטע. דער דאָקטער האָט ווייטער פאָרגעזעצט: "מען מוז דאס תיכף אַפּערירן, ארויסצונעמען א טייל פונעם לעבער, און אפילו נאָכדער אַפּעראַציע האט זי האט נישט מער ווי עטליכע וואכן פאַרבליבן צום לעבן!"

פארציילט דער יונגערמאַן ווייטער, אַז מען האט דורכגעפירט דעם אַפּעראַציע, און נאכן אַפּעראַציע האבן די דאקטוירים ווידעראמאל באשטעטיגט, אז בלויז א קורצע תקופה איז פארבליבן ביז איר לעצטן טאג, ס'איז א פראגע פון צייט ביז זי וועט זיך געזעגענען פון דער וועלט, און איבערלאזן אים מיט זיינע קינדערלעך אויף אייביג. זיין וועלט איז אים חרוב געווארן, און ער איז אהיים ממש צעבראָכן און צעריסן ווי אַן אבל ה"י.

נאָכן אהיימקומען פון דאָקטער איז ער פּונקט אַריבער דעם דושינסקיא ביהמ"ד, און איז אריין דאָרט דאַווענען מעריב. זעענדיג אז ס'איז 'פּונקט' דא אַ דרשה, האט ער זיך צוגעזעצט אויסהערן, און פארגעסן אביסל פון זיינע פּראבלעמען, און צוליב דעם ברען פונעם רעדנער וואָס האָט געהאַלטן יעדן געשפּאַנט איז ער שוין געבליבן זיצן ביז צום סוף.

זאָגט דער יונגערמאַן פאר ר' מאיר מיכאל שליט"א: "איך פלעג זיין א גרויסער שמועסער, אָבער ווי נאָר איך האָב געהערט אייער דרשה, אין אַזאַ שרעקליכן מצב ווי איך בין געווען, האָב איך זיך מקבל געווען דאָרט אויפן פּלאץ, אז מער רעד איך נישט ביים דאווענען! יהי' מה שיהי'! און דאָס זאָל זיין לזכות פון מיין ווייב, זי זאָל געהאָלפן ווערן מיט א רפואה שלימה!"

"עטליכע וואכן שפּעטער בין איך געווען ביים דאקטער, און ער פרעגט מיר: "וואס טוט זיך מיט דיין פרוי?"

זאָג איך אים: "מיין פרוי?! זי שטייט דאך דאָ נעבן מיר, און מיר זענען טאקע געקומען דאָ צו נעמען נאכאמאל א טעסט".

"זאג מיר נישט קיין ליגנט!" - בייזערט זיך דער דאקטער - "דיין ווייב קען נישט יעצט שטיין אויף די אייגענע פיס. פארקויף מיר נישט קיין מעשיות". ביז ס'איז געלונגען צו איבערצייגן דעם דאקטער אז דאָס איז טאקע זיין פּאציענט. ער האט גענומען נייע טעסטס, און די רעזולטאטן האבן געצייגט אז זי איז ב"ה ריין, נקי מכל!

דער דאָקטער איז געווען אויסער זיך פון התרגשות, ס'איז אים געפאַלן טרערן, זאגנדיג, אז ער מוז מודה זיין אז דאס איז א העכערער כח! נסים מן השמים!

"יעצט פארשטייט איר שוין אז איר האט די דרשה גערעדט צו מיר?" פירט אויס דער יונגערמאַן מיט אַ גערירטע שטימע, זיך שטיקנדיג פון טרערן.

## פּאַרציילט די מעשה און דער רב פרעגט: וואָס גייט פּאָר מיט אייך?

יעצט פארציילט ווייטער ר' נחום:

איך בין - ווי פארשטענדליך - געווען זייער איבערגענומען הערנדיג די מעשה מכלי ראשון. דעם קומענדיגן שבת ביי שלש סעודות, זייענדיג צוריק אין בארא פּארק ביי אונז אין ביהמ"ד זידיטשוב, איידער דער רב שליט"א האט געזאגט תורה, האב איך זיך אויפגעשטעלט, און אויסגערופן, אז איידער דער רב גייט משמיע זיין די דברי תורה, שפּיר איך אז איך מוז דערציילן אַ מעשה וואָס איך האָב אַליין מיטגעהאַלטן, און כ'האב איבערגעגעבן דברים כהווייתן אזויווי איך האב עס געהערט.

נאך מעריב האב איך געשפּירט אביסל שלעכט פאַרן איבערהאַקן דעם רב, און כ'האב זיך מתבונן געווען אז ס'קען זיין אז ס'געווען א שטיקל פּחיתת הכבוד, אַז איך האָב זיך געשטעלט רעדן פאַר אים, און יתכן אַז ער האט א חלישת הדעת דערפון.

בין איך צוגעגאנגען צום רב און כ'האב זיך פארענטפערט, אז איך בין פּשוט געווען אַזוי איבערגענומען פון מיטלעבן אזא זעלטןאינטערעסאנטע איבערלעבניש, ממש צו הערן אזא מעשה נורא 'מכלי ראשון', און כ'האָב דעריבער פּשוט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון דאָס דערציילן ברבים. ממילא האָב איך געבעטן דער רב זאָל מיר פאַרגעבן אויב עס איז געווען שלא לפי כבודו.

דער רב האט אויף דעם געענטפערט, אַז פאַרקערט, ער האט קיין פאראיבל אויף מיר! אדרבא, דאס וועט אוודאי מחזק זיין קדושת ביהמ"ד, און ס'איז אים אַליין אויך געווען אַ הנאה צו הערן די מעשה.

"נאר אז מען רעדט שוין", זאָגט דער רב מיט אַן איידעלע שטימע, "ערלויבט מיר אייך צו פרעגן, איר שפּירט זיך אפשר נישט גוט? איך האט במשך דעם שבת באַמערקט עפּעס אַז אייער פנים זעט נישט גוט אויס, איך וואלט אייך נישט געפרעגט דערוועגן, נאך אז איר זענט צוגעקומען צו מיר, ערלויב איך מיר צו פרעגן".

האב איך געענטפערט דעם רב, אַז ס'איז שוין די לעצטע פּאָר וואָכן וואָס איך שפּיר זיך נישט גוט, אָבער דער דאָקטער זאָגט אַז ס'גאָרנישט, און האפנטליך וועט מען זיך בקרוב בעסער שפּירן.

## געראַטעוועט דאָס לעבן, אין די לעצטע מינוט בעז"ה!

אינ'אמת'ן, ביז יעצט האָב איך זיך טאַקע באַרואיגט אז ס'איז 'גארנישט', אָבער יעצט אז דער רב האט שוין באַמערקט און מיר געפרעגט דערוועגן, בין איך שוין געווארן אביסל נערוועז און דערשראָקן. איך האָב מחליט געווען אַז איך דאַרף עס נעמען ערנסט.

צומארגנס בין איך צוריקגעגאנגען צום דאקטער, וועלכער האט מיר ווייטער בארואיגט אז ס'איז גאָרנישט. אבער דאסמאל האב איך מיר שוין נישט געלאזט. איך האב אים געזאגט אז איך בין עפּעס נישט רואיג דערמיט, און איך בעט אז ער זאל דורכפירן גרינטליכע טעסטס צו פעסטשטעלן וואָס דאָס מיינט.

ער האָט מיר געשיקט צו א גרעסערן דאָקטער וואָס זאָל נעמען די טעסטס. ליידער האָט מען ביי מיר טאקע אַנטדעקט די ביטערע מחלה ל"ע. דער גרויסער דאָקטער האָט תיכף באַפוילן אַז איך מוז שוין אַדורכגיין אַן אַפּעראַציע אַרויסצושניידן דאס געוויקס, און בעז"ה וועל איך געזונט ווערן. ביז עטליכע טעג בין איך אריבער דעם אַפּעראַציע, און געלויבט השי"ת, כהיום יום, בין איך גענצליך ריין פון די מחלה.

האָט מיר דער דאָקטער דערנאָך געזאָגט די פאָלגנדע פּחד'יגע דיבורים: "ווען מען ווארט ווען נאך אביסל וואלט איר שוין נישט געהאט קיין שאנס דאס איבערצולעבן; די מחלה וואָלט שוין געווען צו צעשפּרייט, און די אפּעראציע וואלט שוין נישט אויפגעטון!"

פּלאי פּלאים! נאר אדאנק דאס זיך אויפשטעלן פארציילן די 'קדושת התפילה' מעשה מיטן 'מופת', כדי צו מעורר זיין אַנדערע אידן, וואָס דאָס האָט נאָכגעברענגט דעם פּערזענליכן שמועס מיטן רב, וואָס האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט איבער מיין אויסזען, בין איך געראַטעוועט געווארן בעז"ה ממות לחיים! ויודו שמים פּלאך ה', אף אמונתך בקהל קדושים!

"דאָס וויל איך מפרסם זיין", פירט ר' נחום אויס זיין שפּאנענדע הארציגע געשיכטע. "אידן זאלן וויסן, אז דאס זיך איינהאלטן פון רעדן ביים דאווענען קומט טאקע אָן צומאָל שווער, אָבער די זכותים וואס מ'קויפט זיך איין דורכדעם זענען אין לשער, עס לוינט זיך די אָנשטרענגונג! זאָל מען טאַקע זוכה זיין ווייטער צו הערן נאָר גוטע בשורות!

המשך פון עמוד ד'

געווען א זון פון א דארפסמאן; עס איז נישט געווען קיין כבוד פאר די ישיבה אים אויפצונעמען, האט מען געדארפט איינצאלן, אבער ער איז שוין א זון פון א תלמיד חכם, א גאון, איז אודאי דארף מען אים אויפנעמען! פירט אויס דער דובנא'ער מגיד: אברהם אבינו איז געווען א זון פון תרח, אן עובד עבודה זרה, ער האט געדארפט געוואלדיגע גרויסע זכותים אז דער באשעפער זאל מקבל זיין זיינע תפילות. אבער מיר זענען דאך מזרע אברהם יצחק ויעקב! מיר האבן געהאט אזעלכע הייליגע אבות הקדושים, איז שוין אודאי נאטירליך אז דער אויבערשטער זאל מקבל זיין אונזערע תפילות, אפילו מיר האבן נישט אזעלכע גרויסע זכותים.

יא! מי שענה לאברהם אבינו בהר המוריה הוא יעננו! ער וועט מקבל זיין אונזערע תפילות, פארוואס? ווייל מיר זענען שוין אייניקלעך פון אזעלכע גרויסע לייט.

# זֶה לָזֶה

מכתבים • הערות • והארות

## בנוגע די תלמידים פון נייטרא רב וואס זענען אוועק ביומא דהילולא דילי'

**לכבוד** המערכת של גליון הקדוש 'נקדישך'.

איך וויל צולייגן צו דעם וואס מ'האט געהאט געשריבן אינעם גליון וועגן די תלמידים פון הייליגן נייטרא רב זי"ע, וועלכע זענען אוועק אינעם רב'ס יארצייט. א דבר פלא מאוד.

וויל איך צולייגן אויף דעם, אז ס'איז דא נאך א איד וועלכער איז אוועק אין די טעג פונעם נייטרא רב'ס יארצייט, כאטש נישט אינעם זעלבן טאג ממש. דאס איז געווען **הרב ר' בנימין זאב לעווי ע"ה** פון נייטרא-מאונט-קיסקא, וועלכער איז אוועק פאריאר י"ב אד"א תשפ"ד, זייענדיג א זקן מופלג פון העכער הונדערט יאר.

דער איד איז אויך כל ימיו געווען גאר שטארק נזהר אין כבוד ביהמ"ד, און ער פלעגט אלץ פארציילן די מעשה מיטן נייטרא רב אינדערצייט פון די מלחמה, ווען עס איז אנגעקומען א שמועה אינמיטן דאווענען אז דער צורר היהודים האט גע'פגר'ט, און די בחורים אין ישיבה האט געשמועסט דערפון אינמיטן דאווענען, האט דער רב דאס וועקגעמאכט, ווייל אויב דאס האט גורם געווען א חילול ביהמ"ד קען דאס נישט זיין אמת!...

על כל פנים, ס'איז אינטערעסאנט אנצוצייכענען, אז דער איד מתלמידיו הוותיקים, איז טאקע אויך אוועק אין די טעג פונעם יארצייט. זכות הצדיק יגן עלינו!

ישר כחכם פאר אייער עבודת הקודש.

ח. ש. ל. - וויליאמסבורג

*

## לאז 'יענעם' דאווענען!

**לכבוד** מערכת גליון הקדוש 'נקדישך'.

איך האב געזען דא אינעם חשוב'ן קאלום 'משרתיו שואלים' א הלכה'דיגע שאלה, איבער איינער וואס האלט אינמיטן דאווענען, און א איד קומט צו און וויל זאגן ברכות, ביז ווען מ'קען ענטפערן 'אמן'.

איך בין נישט קיין דיין ומורה צדק, אבער יא, א איד וואס וויל דאווענען ערליך... און איך וויל רעדן פון מיין פערספעקטיוו.

ס'זענען דא אידן וואס זענען אויסגערעכנט. זיי קומען אריין צום דאווענען גענוג אין צייט. זיי לייגן תפילין בזמן. זיי ווילן קענען אנהייבן 'הודו' און דאווענען אין צייט.

פון דער אנדערער זייט, קומט אַ איד צו לויפן אין ביהמ"ד אריין ווען ס'איז שוין שפעט, ווען דער ערשטער האלט שוין נאך הודו, און יענער וויל יעצט אז מ'זאל ענטפערן 'אמן' אויף זיינע ברכות... וואספארא פנים האט דאס?!

אויב איך מעג זאגן אביסל שארף... איך האב א גוטע עצה פאר דעם איד, ער זאל גיין צום קומענדיגן מנין, אדער זאל ער טרעפן א איד וואס גייט נאכנישט יעצט דאווענען...

אויב האלט שוין דיין שכן נאך הודו, מיינט אז ער האט זיך אנגעשטרענגט, און זיך אויסגערעכנט צו קומען אין צייט! איר ווייסט פארוואס? ווייל ער וויל מיטהאלטן דאס דאווענען מתחילה ועד סוף! ער וויל דאווענען מיט א סדר! מיט וואספארא רעכט מעג מען אים שטערן יעצט, ווייל איר האט זיך דערמאנט צו קומען שפעט און אנהייבן ברכות מיט א פרישקייט?!...

לאמיר עס אויסשמועסן זייער קלאר.

יא, ס'איז טאקע א מורא'דיגע זאך אז איינער וויל זאָגן ברכות הויך, און נאָך האָבן ווער ס'זאגט נאך אמן. הערליך שיין! אבער, טוט עס ביטע אין די ריכטיגע צייט מיטן פאסיגן קאנדידאט דערפאר! נישט ווען דער מנין האלט שוין נאך הודו! יעצט, לאז 'יענעם' דאווענען!

איך בין פון די אויסגערעכנטע מענטשן... איך האלט שוין אינמיטן דאווענען, און מ'קומט אמאל צו פרעגן 'ווילסט ענטפערן אמן אויף ברכות?' - איך רעד נישט ביים דאווענען, וועל איך ענטפערן פאר די אלע שואלים איבער די בלעטער פון 'נקדישך'... - רבי איד טייערער, וואס ווילסטו, איך זאל ענטפערן ניין?! איך זאל ענטפערן ניין אויפן באשעפער'ס ברכות? ברכות איז דאך פון די גרעסטע זאכן! דער אר"י ז"ל פלעגט ארומגיין הערן ברכות אפילו הונדערט מאל און אפילו פון קינדער! און אזוי האט מען געזען ביי פילע חשוב'ע עלטערע אידן פון פאריגן דור!

אבער נישט ווען דער צווייטער האלט שוין אינמיטן הודו, אדער אפילו בשעת ווען יענער זאגט קרבנות מיט א רואיגקייט. יעצט לאז יענעם דאווענען במנוחה!

ממילא איז עס א וויכטיגע נקודה צוצולייגן פאר די אידן וואס ווילן טאקע אז מ'זאל ענטפערן אמן אויף זייערע ברכות, ס'איז א מורא'דיגע זאך, וכן אני נוהג. מ'דארף אבער זיכער מאכן צו קומען אין די פאסיגע צייט. נישט אויפצוהאלטן יענעם - נאר פארקערט, מזכה זיין יענעם, אזוי אז ביידע זאלן הנאה האָבן.

ויהי רצון אז ס'זאל ארויסקומען אַ התעוררות דערפון. און מיטן כח פון ערליכע ברכות און אמן זאל נשפע ווערן אויף גאנץ כלל ישראל כל מילי דמיטב.

פ. ה. - שיכון סקווירא יצ"ו

*

## קרובץ ביי הרה"ק מבעלזא זי"ע

**אין** א המשך וואס איר האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון קרובץ ביום הפורים, ווערט געברענגט און ספר 'בקודשי פנימה' פון **הרב יצחק לאנדא משב"ק** פון הרה"ק מהר"א מבעלזא זצ"ל, אז פורים אינדערפרי פלעגט דער רב ז"ל צוגיין צום עמוד צו תפילת שחרית, און די קרובץ האט ער געזאגט בדביקות ובנעימה, און דאס איז געווען פון די איינציגסטע מאל וואס מען האט געקענט זען דעם רב ז"ל וויינען און פארלאזן טרערן, מחמת גרויס התעוררות וגודל קדושת הפיוטים.

פ. מ. - מאנטריאל



היי יאר איז דא א לאנגע
שבת נאכמיטאג
זיך אנצוגרייטן צום סדר!
מ'דארף נאר האבן מיט וואס...
פאר האלסעיל רופט 845.641.9496

# גאר שטארקע חיזוקים במורא מקדש אין ק"ק אמונת ישראל בארא פארק; גבאי קודש ווערן נתמנה לעמוד על המשמר!

אין ביהמ"ד 'אמונת ישראל' קומט אין די יעצטיגע טעג פאר א גאר שטארקע התעוררות אין דער נושא פון קדושת התפילה, נאכפאלגנדיג די גרויסארטיגע שושן פורים סעודה פורים המשולש, וואו ס'איז דורכדעם געהויבענעם רב שליט"א אונטערגענומען געוואָרן אַ גאָר שטאַרקע מערכת הקודש מעורר צו זיין דעם ציבור בקדושת התפילה.

זונטאג נאכט, שושן פורים נדחה, האט דער רב אדורכגעפירט א 'חתימה דרייוו', אז יעדער זאָל אונטער'חתמ'ענען נישט צו רעדן ביים דאווענען אין ביהמ"ד, פון ווען דער בעל תפילה שטייט ביים עמוד ביזן סוף דאווענען, און דער רב האט אויך אליין אונטערגע'חתמ'עט, און אנגעוואונטשן אז יעדער זאל פועל'ן ישועות.

דער רב האט אויך געשטעלט ממונים וואס זאלן ארומגיין ביים דאווענען, זיכער מאכן אז יעדער איז שטיל, און מ'רעדט נישט ביים דאווענען. ממש ביי יעדער זייט פון ביהמ"ד האט ער געשטעלט נאך א ממונה, אזוי אויך אין פאליש, איבעראל!

אזוי איז ב"ה געווארן א געוואלדיגער שינוי לטובה, וכבוד ה' מלא את הבית, ובהיכלו כולו אומר כבוד, אזויווי קדושת ביהמ"ד דארף אויסצוקוקן!

# פייערדיגע התעוררות אין ק"ק וויזניץ-קייאמישע, נאָך שוידערליכע טראַגעדיע אין שטעטל, זיך מקבל צו זיין קבלות אין קדושת התפילה

נאכפאלגנדיג די שרעקליכע טראגעדיע וואס האט באטראפן די קהילה אין ק"ק וויזניץ-קייאמישע, מיט די פלוצלימדיגע פארלוסט פון האיש היקר מו"ה מרדכי סאפיר ז"ל בן יבלחט"א ר' שלמה עקיבא הי"ו - וואס איז ליידער נעדר געווארן אין א קאר עקסידענט, פאריגע דינסטאג תצוה ביינאכט, בשעת'ן זיך אומקערן פון א שמחה בחצרות בית צדיקים - איז אין די יעצטיגע ימי הפורים אפגעראכטן געווארן א גרויסע התעוררות לחזק ולהתחזק בענין קדושת ביהמ"ד, און נישט רעדן בשעת'ן דאווענען.

## הכרזת הקודש ביים עצרת התפילה

יענעם מיטוואך נאך דער לוי', איז אין קרית וויזניץ-קייאמישע, פאררופן געווארן מטעם די קהילה אן עצרת התעוררות אין ביהמ"ד הגדול, וואו עס האט אויפגעטרעטן דער חשוב'ער דיין הקהילה הרה"ג ר' ירמיה גאלדהירש שליט"א, און דערביי איבערגעגעבן די דירעקטע הוראת הקודש פון כ"ק אדמו"ר מוויזניץ-קייאמישע שליט"א, וואס האט געבעטן מען זיך מפרסם זיין בשמו נאך אזא מאורע, אז מען זאל זיך אונטערנעמען נישט צו רעדן ביים דאווענען.

דער רבי שליט"א האט באפוילן צו זאגן, אז ווי באקאנט פון ספה"ק דער גרויסער חרון אף וואס דאס קען ח"ו צוברענגען, און די הארבקייט דערפון. ווי אויך נזהר צו זיין בקדושת בית המדרש, נישט צו מאכן קיין קופקעס בשעת דער ציבור דאווענט, ווייל אפילו איין יחיד וואס שמועסט ביים דאווענען, קען ח"ו גורם זיין אז די תפילה פון דער ציבור זאל נישט קענען נתקבל ווערן. ווי אויך זאל מען זען זיך צו דערווייטערן פון נסיונות אין טעכנאלאגיע.

## דער 'קימו וקבלו' קאמפיין

במשך די קומענדיגע טעג איז פראקלאמירט געווארן א קאמפיין 'קימו וקיבלו', וואו דער ציבור איז געשטאנען גאר גרייט און ווארעם להתעורר בקדושת התפילה, אנגעהויבן פון נישט רעדן ביים דאווענען; א חלק דאווענען אדער די גאנצע, נישט רעדן ביים ליינען, זיך נישט ארומדרייען ביים דאווענען, זיין צייטליך ביי די תפילות שבת אדער אינדערוואכן, אינזין האבן דאס דאווענען, אוועקלייגן אדער אויסלעשן די סעלפאן בשעת'ן דאווענען און נאך.

יעדער האט גענומען אויף זיך אויפצוהייבן און גיין העכער א שטאפל העכער בקדושת התפילה וביהמ"ד, בפרט ווען דאס האט אפגעשפילט די געהויבענע דמות פון הר"ר מרדכי ז"ל, וואס דאס דאווענען איז געווען א זאך וואס יעדער האט מיטגעהאלטן פונדערנאנט ווי ער פלעגט שטיין ביים דאווענען מיט אן אויסטערלישע דביקות אויף איין פלאץ דאס גאנצע דאווענען, און זיך כמעט נישט געגעבן א ריר, אזוי שטילערהייט, און מיט א טיפע רוחניות'דיגער קשר צום בוכ"ע. עס איז ניטאמאל געווען שייך ער זאל געשטערט ווערן פון סיי וועלכע ארומיגע שטערונגען.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט א געוואלדיגע מחזה, ווי אידישע קינדער האבן אנגענומען דעם ווינק פון הימל, און זיך מקבל געווען צו פארבעסערן בתשובה ותיקון המעשים.

## די קבלות בעצם יום הפורים

בעצם יום הפורים, בעת דעם געהויבענעם 'משתה היין' טיש ביי כ"ק אדמו"ר מוויזניץ-קייאמישע שליט"א האט מען צוגעברענגט עטליכע הויפענעס פון קבלות טובות. און געשטעלט פארנט אויפן טיש לפני כל הקהל הקודש. דער רבי שליט"א האט אביסל באטראכט די שטר קבלות, און דאן איז דער רבי יצא מגדרו, און משמיע געווען קורצע דברות קודש בעצם יום הפורים.

דער רבי האט ארויסגעברענגט די מעלה און חשיבות פון אידישע קינדער, וואס זיי קענען מקבל זיין אויף זיך, זיך צו באגרעניצן וויאזוי זיך צו פירן, וואס דאס איז געווען דער אויסגעטרעטענער וועג אין אלע דורות, זיך צו קענען שטארקן און קובע זיין אויף זיך וויאזוי זיך צו פירן.

דערנאך האט דער רבי שליט"א מאציל געווען ברכת קדשו אויף אלע חשוב'ע מקבלים, אז מען זאל געהאלפן ווערן מיט אלע ישועות והשפעות טובות.

דער ציבור איז מלא התלהבות דקדושה אנצוהאלטן די הייליגע קבלה, און מ'איז מתפלל אז אין דעם זכות זאל שוין זיין 'עליה השלם כל הקרבנות כולם', און מ'זאל זוכה זיין לראות אך טוב וחסד כל הימים, מתוך נחת ושמחה אמן.

קימו וקבלו היהודים!

מי שברך שחיבר מרן בעל תוס' יו"ט זיע"א

**מִי שֶׁבֵּרַךְ** אֲבוֹתֵינוּ אַבְרָהָם יִצְחָק וְיַעֲקֹב מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן דָּוִד וּשְׁלֹמֹה, הוּא יְבָרֵךְ הַשּׁוֹמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ מִלְּהַפְסִיק בְּשׁוּם דִּיבּוּר. מִן בָּרוּךְ שֶׁאָמַר עַד גְּמַר הַתְּפִלָּה וּבִשְׁעַת קְרִיאַת סֵפֶר תּוֹרָה שֶׁבְּצִיבּוּר: אֲפִילוּ בְּדִבְרֵי תּוֹרָה וְאֵיזֶה דִּיבּוּר כׇּל שֶׁכֵּן בְּשִׂיחַת חוּלִין וְסִיפּוּרֵי שְׁמוּעוֹת. וְיָחוּלוּ עָלָיו כׇּל הַבְּרָכוֹת הַכְּתוּבוֹת בְּתוֹרַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם וּבְכׇל סִפְרֵי הַנְּבוּאוֹת: יִרְאֶה זֶרַע כָּשֵׁר חַיִּים וְקַיָּמִים. וְיִזְכֶּה לִשְׁנֵי שׁוּלְחָנוֹת שֶׁבִּשְׁנֵי עוֹלָמִים: שֶׁהֵם הָעוֹלָם הַזֶּה שֶׁעָלָיו נֶאֱמַר וְהִנֵּה טוֹב. וְהָעוֹלָם הַבָּא שֶׁהוּא יוֹם שֶׁכֻּלּוֹ אָרוּךְ גַּם טוֹב: וְנֹאמַר אָמֵן:

KEREN TOSFES YOM TOV
670 Myrtle Ave #6449
Brooklyn NY 11205
Tel: 212.299.9185 Fax: 212.244.6551
Email: Gilyon@KTYT.org